# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### א עת רצון בשעת'ן טון א מצוה

**"הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ אֶת יִשְׂרָאֵל"** (כו טו)

די חכמים (תוספתא ביכורים ה יד) לערנען ארויס פון דער פסוק: "כל העוסקין במצוה, פיהם פתוח בתפילה לפני המקום".

**רבי שמואל אביגדור ראבינאוויץ - תוספאה** ערקלערט, די חכמים דרש'ענען עס פון דעם וואס מיר זען אז ווען א מענטש איז מקיים די מצוה פון 'וידוי מעשרות', זאגט ער א תפילה וואס איז לכאורה נישט פארבינדן מיט די וידוי - 'השקיפה ממעון קדשך', פון דא זען מיר, אז די צייט וואס מ'איז מקיים א מצוה איז א ספעציעלע עת רצון אויף דאווענען.

מיט דעם האט דער 'חפץ חיים' ערקלערט די סיבה פארוואס נאכן בענטשן זאגט מען די 'הרחמן'ס'; נאכן מקיים זיין א מצות עשה מדאורייתא פון ברכת המזון, איז געווארן א עת רצון צו בעטן פון ה' אויף נאך אסאך זאכן וואס מיר דארפן.

'מנחת ביכורים' תוספתא ביכורים ה יד; 'חפץ חיים' עה"ת

#### עשרת הדברות יעדן טאג

**"הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת אֶת הַחֻקִּים הָאֵלֶּה"** (כו טז)

דאס וואס די תורה באטאנט: "היום הזה" ערקלערן די חכמים (תנחומא א, הובא ברש"י): "בכל יום יהא התורה חביבה עליכם כאלו היום הזה קבלתם אותה מהר סיני".

לויט דעם ערקלערט **רבי אלכסנדר סנדר שור בעל 'תבואות שור'** די מנהג וואס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (או"ח א ה) צו זאגן יעדן טאג ביחידות די עשרת הדברות; ווייל מיר זענען באפוילן געווארן אז די תורה זאל זיין באליבט אויף אונז כאילו מיר האבן עס היינט באקומען, דעריבער איז פאסיג מיר זאלן זאגן יעדן טאג די אלע מצוות פון די תורה, כדי מיר זאלן פילן כאילו מיר האבן מקבל געווען די מצוות אין דעם טאג. די עשרת הדברות זענען כולל אין זיך אלע תרי"ג מצוות (זעה רש"י שמות כד יב אין נאמען פון הרס"ג), און דורכ'ן עס זאגן ווערט עס געדערכנט ווי מיר וואלטן איבערגע'חזר'ט אלע מצוות.

'בכור שור' ברכות יב א

#### די גרויסקייט פון די אידן אין דעם טאג פון שבת

**"אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם לִהְיוֹת לְךָ לֵאלֹקִים... וַה' הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם"** (כו יז-יח)

אין **'אור זרוע'** ווערט געברענגט א מדרש אז אין די זעקס טעג פון די וואך זאגן די מלאכי השרת שירה פאר הקדוש ברוך הוא, אבער אין שבת וועלט השי"ת אויס דווקא די שירה פון די אידן. מיט דעם ערקלערט ער פארוואס ביי די שבת'דיגע תפילות לייגן מיר צו קאפיטלעך פון לויב און אסאך פיוטים, ווייל אין דעם טאג איז די שירה פון די אידן חשובער פון די שירה פון די מלאכים. און איז מוסיף, אז אויך אונזער פסוק איז מרמז אויף דעם: "אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם" - די אידן פארמערן צו לויבן און דאנקען זייער באשעפער אין דעם טאג פון שבת, ווייל: "וה' הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם' - אין דעם טאג האט הקב"ה אויסדערוועלט זייער שירה מער פון די שירה פון די מלאכי השרת.

אויף דעם לייגט צו האדמו"ר **רבי משה יחיאל מאוזורוב**, די ווערטער: "הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם" איז בגימטריה "השבת", פון דא איז א באווייז אז דער פסוק איז מרמז אויף די גרויסקייט פון די אידן אין דעם טאג פון שבת, וואס לויט דער 'אור זרוע' רעדט זיך עס פון זייער שירה וואס איז חשובער פון די שירה פון די מלאכים.

'אור זרוע' שבת מב ד; 'באר משה' עמ' תשעג

#### זוכה זיין צו ענטפערן אמן אין עולם הבא

**"וְעָנוּ כָל הָעָם וְאָמְרוּ אָמֵן"** (כז טו)

אין מדרש רבה אין אונזער פרשה (ז א) ווערט געברענגט: "אמר רבי יודן כל מי שעונה אמן בעולם הזה, זוכה לענות אמן לעתיד לבא".

ערקלערט **רבי אליהו הכהן האיתמרי** בעל 'שבט מוסר':

אין די ווערטער פון רבי יודן **"כל העונה אמן"** ליגט א חידוש, 'כל' מיינט יעדער, אפילו אזא איינער וואס האט געענטפערט אמן נאר איינמאל אין זיין לעבן, און אויך אויב ער איז געווען א שוגג און האט נישט געענטפערט ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה צו ענטפערן אמן אין עולם הבא. על אחת כמה וכמה דער וואס געבט אכטונג ענטפערן אמן כהלכתה אין יעדע געלעגנהייט, איז זיכער אז מ'קען נישט שאצן זיין שכר.

לייגט צו רבי אליהו און טייטש בדרך דרש: דער אר"י הקדוש האט מגלה געווען ('עץ הדעת טוב' כי תצא) אז ווען א מענטש פילט א ספעציעלע קשר און חביבות צו א געוויסע מצוה, זאל ער פון דעם פארשטיין אז די מצוה איז זיין תכלית אויף דער וועלט, און צוליב דעם זאל ער שטענדיג טראכטן פון דעם און ספיעציעל נזהר זיין אין דעם. און דער מדרש איז דאס מרמז: "כל העונה אמן בעולם הזה", ד.מ. ווער ס'איז אויף דער וועלט צוגעבידן צו די מצוה פון ענטפערן אמן, איז דאס א צייכן אז דאס איז זיין מצוה אויף דער וועלט. אויב אזוי, ווען עס וועט אנקומען זיין צייט, וועט ער זוכה זיין "לענות אמן לעתיד לבוא" און נישט דארפן נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט בגילגול, ווייל ער האט אויסגעפירט זיין שליחות ווי עס דארף צו זיין.

'חוט של חסד'

#### מיט גאנצע ווערטער בויעט מען די מזבח

**"אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה אֶת מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ"** (כז ו)

אין דער פסוק קען מען טרעפן א רמז אויף דער חוב וואס ליגט אויף א מענטש, און איבערהויפט אויפן שליח ציבור,ביים דאווענען זאל מען גוט ארויסזאגן די ווערטער:

'מזבח' - איז בגימטריה נ"ז, אזוי ווי די צאל פון די ברכות וואס ווערן געזאגט יעדן טאג דריי מאל ביי 'שמונה עשרה' [אין יעדע איינס פון זיי איז דא 19 ברכות]. די תורה באפעלט אונז: "אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה" - זאלסט ארויסזאגן בשלימות, "אֶת מִזְבַּח ה'" - די ווערטער פון דאווענען וואס זענען מרומז אין 'מזבח', און זענען אויך אקעגן די תמידים וואס מ'האט מקריב געווען אויפן מזבח (ברכות כו ב).

'ילקוט מעם לועז'

#### זיך 'אויסמאלן' במחשבה פארן מקיים זיין א מצוה

**"הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל"** (כז ט)

דיווארט "'הַסְכֵּת' טייטש דער 'ספורנו': - צייר במחשבתך", ד.מ. 'זאלסט אויסמאלן אין דיינע געדאנקען'. פון דעם בויעט אויף **רבי שמואל פון סאכאטשאב** א גרויסער יסוד אין עבודת ה': בעפאר מיר ווילן דינען דעם אייבערשטן דארפן מיר אונז פאר זיך אליין פארשטעלן און אויסמאלן די גרויסע זאך וואס מיר גייען טון און די נוצן וואס וועט ארויסקומען פון דעם. ענליך צו וואס עס ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות ל ב): "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין, כדי שיכוונו ליבם לאביהם שבשמים".

לייגט צו דער **'תולדות אהרן**'ער רבי בעל 'דברי אמונה', אז פון דער לשון הפסוק זעט אויס אז די טייטש פונעם ספורנו איז ספעציעל פארבינדן מיט די מצוה פון זאגן 'שמע ישראל', וואס מיר זענען עס מקיים אינמיטן דאווענען, און ווייל מ'טאר נישט מפסיק זיין צווישן די ברכות און קרי"ש, דארף מען זיך צוגרייטן צו דעם נאר מיט מחשבה. און דאס איז טייטש: "הַסְכֵּת" - 'זאלסט אויסמאלן אין דיינע געדאנקען', און נאר נאכדעם: "וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל".

'שם משמואל'; 'דברי אמונה' ליקוטים דף י



דעם קומענדיגן מיטוואך כ' אלול געפאלט אויס די יומא דהילולא פון גאב"ד ירושלים הגה"צ רבי **משה אריה פריינד** זצ"ל, וואס האט אסאך מעורר געווען איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער אין זיין ספר 'עטרת יהושע' (פרשת האזינו):

**די חכמים זאגן (שהש"ר ה ג): "אמר הקב"ה לישראל: בני, פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודה של מחט ואני אפתח לכם פתח שיהיו עגלות וקרוניות נכנסות בו". הקב"ה בעט פון אונז א קליינע און א גרינגע זאך ווי א חודה של מחט - אכטונג געבן צו ענטפערן אמן כדת וכדין, און אין דעם שכר וועט זיך עפענען פון הימל די טויערן פון ברכות און ישועות.**

**אמן, איין ווארט, דריי אותיות, א שפע פון ישועות.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## די ברייתא פון אלו דברים (ב)

### השכמת בית המדרש שחרית וערבית

אויפשטיין פריה איז זייער א וויכטיגער יסוד אינעם אידישן לעבן, אזוי ווייט אז די ערשטע הלכה אין שולחן ערוך רעדט זיך פון דעם: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו - שיהא הוא מעורר השחר". די השכמה וואס ווערט דערמאנט אין די ברייתא, מיינט קומען פריה אין בית המדרש סיי צופריה און סיי ביינאכט (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' טז), אזוי ווי רבי יהושע בן לוי האט געזאגט צו זיינע זון (ברכות ח א): "קדימו וחשיכו ועיילו לבי כנישתא כי היכי דתורכו חיי" [קומט פריה און גייט אהיים שפעט, כדי ענק זאלן מאריך ימים זיין].

עס זענען דא וואס האבן א קשיא אויף דעם טייטש, ווייל מיר טרעפן נישט אין קיין שום פלאץ די אויסדרוק פון 'השכמה' ווען מ'רעדט פון 'ערבית', און עס וואלט געדארפט שטיין "השכמת והערבת בית המדרש שחרית וערבית", אזוי ווי מיר זאגן ביי די תפילה פון 'לעולם יהא אדם': "אשרינו שאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות"? דער 'שפת אמת' ערקלערט אז דיווארט 'השכמה' באציט זיך נאר אויף 'שחרית', און דער תנא וויל אונז לערנען אז די מצוה פון 'השכמת בית המדרש שחרית' הייבט זיך שוין אן ביי 'ערבית' - מיט דעם וואס דער מענטש פארשפעטיגט נישט די צייט פון גיין שלאפן, כדי ער זאל קענען אויפשטיין אינדערפריה צו דינען דעם באשעפער ('ראש גולת אריאל' ח"א עמ' רעד).

וואונדערליכע ווערטער אויף די וויכטיגקייט פון קומען פריה ווי ווייט מעגליך שרייבט דער 'ראשית חכמה' (תוצאות חיים אות מ): "שטענדיג זאל דער מענטש זיך משתדל זיין קומען פריה אין שול, אפילו ער וועט נישט זיין פון די עשרה ראשונים. ווייל דער וואס קומט פריה איז מער נענטער צו די שורש הקדושה...".

### עיון תפילה

די חכמים רופן אן 'תפילה' מיטן אויסדרוק 'עבודה שבלב' (תענית ב א), ווייל 'כוונה' איז א וויכטיגע תנאי צום דאווענען. אין דעם ענין זענען באקאנט די ווערטער פון רמב"ן אין זיין באקאנטע בריוו פאר זיין זון: "והסר כל דברי העולם מליבך בעת התפילה, והכן ליבך לפני המקום ברוך הוא, וטהר רעיונך, וחשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך... ותפלתך תהיה זכה וברה ונקיה ומכוונת ומקובלת לפני המקום ברוך הוא, שנאמר (תהלים י יז): 'תכין לבם תקשיב אזנך'".

עס זענען דא וואס ערקלערן אז תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב', ווייל דורך דעם געדענקט דער מענטש מקיים זיין די מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין הארץ. אזוי ווי די זעקס מצוות תמידיות וואס ווערן אויסגערעכנט אין 'ספר החינוך' (אין זיין הקדמה) וואס צווישן זיי זענען: אמונת ה', יחוד ה', אהבת ה' און יראת ה'. ווייל א מצוה וואס איז אנגעהאנגען אין הארץ, אויב צו דעם וועט מען נישט צושטעלן א זאך אויף 'למעשה' קען עס פארגעסן ווערן, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (מו"נ ב לא): "הדעות, אם לא יהיו להם מעשים שיעמידום... לא ישארו", דעריבער ווערט תפילה אנגערופן 'עבודה שבלב', ד.מ.: א מעשה וואס דורך דעם דערמאנען מיר זיך מקיים זיין די מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין הארץ ('דברי שאול' עקב מהדו"ק). פארשטייט זיך אז צו מקיים זיין די מצוות בשעת'ן דאווענען, איז זוכה נאר דער וואס דאוונט מיט א ריינע כוונה.

'עיון תפילה' איז דא טייטש תפילה מיט כוונה (רש"י שבת קכז א ד"ה ועיון). דער תנא זאגט אז דער וואס איז מקיים די מצוה פון תפילה בעיון און מיט כוונה, וועט שוין געניסן פון די פירות פון די מצוה אויף דער וועלט והקרן קיימת לו לעולם הבא. דער ריטב"א (ר"ה טז ב) ערקלערט עס אזוי: דאווענען איז צוזאם געשטעלט פון לויבן און בעטן. אויף די חלק פון לויבן און דאנקען באקומט דער מענטש די שכר אין עולם הבא, אבער אויף דער חלק וואס דער מענטש בעט אויף זיינע געברויכן, באקומט ער זיין שכר אויף דער וועלט, מיט דעם וואס זיין געבעט ווערט אנגענומען, און פון הימל ערפילט מען אלע זיינע באדערפענישן.

### הבאת שלום בין אדם לחברו

די חכמים זאגן (מסכת דרך ארץ פרק שלום הלכה ד): "די מידה פון 'שלום' איז זייער גרויס. ווייל ביי יעדע מצוה אין תורה שטייט 'כי' - 'כי תראה...' (שמות כג ה); 'כי תפגע...' (שם ד); 'כי יקרא...' (דברים כב ו); 'כי תבנה...' (שם ח); ווען די מצוה קומט דיר אונטער דארפסטו עס מקיים זיין [אבער דו ביזסט נישט באפוילן געווארן דאס נאכלויפן], אבער וואס שטייט אויף שלום (תהלים לד טו): 'בקש שלום ורדפהו' - זיך עס פון דיין פלאץ, און לויף עס נאך פון א אנדערע פלאץ".

דער פסוק "בקש שלום ורדפהו" איז דער מקור אויף די מצוה פון "הבאת שלום בין אדם לחבירו" (ירושלמי פאה א א), און די באדייט פון 'ורדפהו' מיינט זאגן אז דער מענטש דארף זיך משתדל זיין אריינברענגען שלום אין יעדע קריג, אויך אין א צייט וואס די צוויי צדדים וואס קריגן זיך זענען נישט אינטערעסירט אין דעם ('תפארת ישראל' שם). מער פון דעם, אויך ווער ס'האט מצליח געווען צו מאכן שלום צווישן בעלי מחלוקת, אויב זיי האבן זיך נאכאמאל צוקריגט, זאל ער זיך נישט ארויסלאזן פון די קריג, נאר ער זאל נאכלויפן שלום און פרובירן אנדערע וועגן כדי צו מאכן שלום צווישן זיי (פירוש 'הכותב' שם).

### ותלמוד תורה כנגד כולן

אין מסכת קידושין (מ ב) ווערט געברענגט אז די חכמי ישראל זענען אנגעפרעגט געווארן צי לערנען תורה ['תלמוד'] איז מער חשובער, אדער מקיים זיין מצוות ['מעשה']? "האט רבי טרפון זיך אנגערופן און געזאגט: 'מעשה' איז גרעסער, און רבי עקיבא האט זיך אנגערופן: 'תלמוד' איז גרעסער. אין ענדע האבן אלע באשלאסן: תלמוד גדול, שהתלמוד מביא לידי מעשה".

אין ליכט פון די מחלוקת קריגן זיך ארום די אמוראים (ירושלמי פאה שם) אין די טייטש פון די משנה: "ותלמוד תורה כנגד כולן"; דער וואס האלט ווי רבי טרפון אז מקיים זיין די מצוות איז מער חשובער פון לערנען, ערקלערט אז לימוד התורה איז אקעגן אלע ערליי סארטן הנאות פון דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט (משלי ג טו): "יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה". דאקעגן דער וואס האלט ווי רבי עקיבא אז 'תלמוד גדול', ערקלערט כפשוטו, תלמוד תורה איז שקול אקעגן אלע מצוות, ווייל דאס אליין איז א מצוה, און צו דעם, ברענגט עס צו צו קענען מקיים זיין אנדערע מצוות (ר"ש סיריליאו שם). דעריבער אויב ער האט געהאט פאר זיך די מצוה פון לימוד התורה און א אנדערע מצוה וואס קען געטון ווערן דורך אנדערע, זאל ער נישט אויפהערן לערנען. אבער אויב עס איז נישטא ווער עס זאל מקיים זיין די מצוה, זאל ער עס מקיים זיין, און נאכדעם צוריק גיין לערנען (רמב"ם ת"ת ג ג-ד).

**אלו דברים** - די מצוות **שאין להם** א באשטימטע **שיעור** מן התורה: **הפאה -** ביים שניידן די געוואוקסן אין פעלד דארף מען איבערלאזן אין עק פאר די ארימעלייט, **והביכורים** - די פרוכט פון שבעת המינים וואס זענען צום ערשט געצייטיגט געווארן און מ'דארף עס ארויף טראגן קיין ירושלים און געבן פאר די כהנים, **והראיון** בזמן שבית המקדש היה קיים האט יעדער איד געדארפט זיך באווייזן אין בית המקדש אין די דריי ימים טובים, און אויך ברענגען א קרבן עולת ראיה, **וגמילות חסדים** - טון גוט'ס מיט אנדערע און זיי העלפן **ותלמוד תורה.**

**אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן** - פארדינט **בעולם הזה** דורך מקיים זיין די מצוות, **והקרן קיימת -** און דער עיקר שכר איז אוועקגעלייגט **לו לעולם הבא, ואלו הן: כבוד אב ואם, וגמילות חסדים, והשכמת** אנקומען פריה אין **בית המדרש שחרית וערבית, והכנסת אורחים** צו זיין הויז און צושטעלן זייערע באדערפענישן, **וביקור חולים -** באזוכן א קראנקן, זארגן אויף זיינע געברויכן און דאווענען אויף אים, **והכנסת כלה** - איר באגלייטן צו די חופה, און צושטעלן אירע געברויכן צו די חתונה, **ולוית המת** וואס ווערט געפירט צום באערדיגן, **ועיון תפילה** - אינזין האבן ביים דאווענען **והבאת שלום בין אדם לחבירו [ובין איש לאשתו], ותלמוד תורה** איז חשוב **כנגד כולן -** אלע מצוות, ווייל דורך לערנען איז מען זוכה צו אלע מצוות.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די 'ברכה' וואס האט געברענגט א 'ברכה'

די 'קאראנע-טעג' האבן מיטגעברענגט מיט זיך צו די אידישע הייזער פארשידענע ערליי שוועריקייטן וואס זענען זייער שווער זיך צו ספראווען מיט זיי, אזעלעכע וואס מ'איז נישט געוואוינט צו דעם, א גרויסער טייל פון דעם איז בנוגע פרנסה. מזונותיו של אדם קשים כקריעת ים סוף, פון ווען עס איז נגזר געווארן אויף אדם הראשון 'בזעת אפך תאכל לחם', אבער אין די תקופה איז עס שטארק פארערגערט געווארן. דא האט איר א בריוו וואס איז לעצטנ'ס פארשפרייט געווארן אין אמעריקא, און דארט איז אפגעשריבן איין ערציילונג פון אסאך וואס האבן פאסירט אין די תקופה, וואס דורך מקיים זיין א גרינגע און א פשוט'ע עצה, איז מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אריבערגעשווימען די שווערע קריזיס.

אזוי דערציילט דער בעל המעשה:

צווישן די אלע אידישע קינדער וואס זייער פרנסה איז געשעדיגט געווארן אין די תקופה, איז מיין פרנסה אויך געשעדיגט געווארן. געווענליך זינג איך אויף א פידל צוזאמען מיט נאך מוזיקאנטן אדער איינער אליין, און פון די באשעפטיגונג האבן איך ב"ה פרנסה בהרחבה. אבער אלעס האט זיך געענדיגט ווען עס איז אנגעקומען די 'קאראנע-טעג'; די חתונות זענען אפגעראכטן געווארן אויף א באגרעניצטן אופן, די 'דינער'ס' - דורכ'ן טעלעפאון, און איך בין געבליבן אן קיין ארבעט, ווען א גאנצע צייט בין איך פארזארגט איבער דעם.

אין די ערשטע תקופה האב איך זיך באנוצט מיט די אפגעשפארטע געלט וואס איך האב געזאמלט, אבער פון טאג צו טאג איז די בערזל איינגעגאנגען און די זארג איז געוואקסן. דעמאלטס האב איך זיך דערמאנט אין די הייליגע סגולה וואס איך האב אזויפיל געהערט אויף דעם און שוין א לאנגע צייט צוריק האב איך עס געוואלט מקיים זיין, און דאס איז - זיך ערנסט מחזק זיין אין 'ברכת המזון', זאגן מיט כוונה און אינעווייניג.

איך האב באשלאסן עס אננעמען מיט א ערנסקייט, איך האב געפילט אז יעצט איז די ספעציעלע פאסיגע צייט צו דעם, און אין מיין הארץ בין איך געווען פארזיכערט אז אזוי ווי די קדמונים זאגן, וועט די קבלה זיין א עפענונג אויף סייעתא דשמיא אין די פרנסה פון מיין פאמיליע. איך האב געמיינט אז עס וועט געדויערן צייט, אבער די סגולה האט געוועט שנעלער ווי געראכטן...

אין די שווערע תקופה, האט די היגע רעגירונג אין ניו יארק באפוילן פארשפארן די אלע שולן. אזוי ווי אין ארץ ישראל, אויך אין בארא פארק, וואו איך וואוין, האבן זיך ארגאניזירט הונדערטער מנינים אויף דאווענען, ווען איינער איז זיך מצטרף פון זיין טעראסע, און דער צווייטער פון זיין הויף און פון די טיר פון זיין הויז. אויך אונז, איינוואוינער פון עטליכע דערנעבנדיגע הייזער, האבן זיך ארגאניזירט צו דאווענען מיט א מנין מצומצם, ווען מ'געבט אכטונג אויף די געזונטהייט רעגולאציעס.

געווענליך, אין אונזער קהילה פירן מיר זיך עסן 'סעודה שלישית' צוזאמען, און ווייל מיר האבן געוואלט ממשיך זיין מיט דעם חשוב'ן מנהג אן גרינגשעצן אין די רעגולאציעס, איז באשלאסן געווארן אז יעדער וועט זיך וואשן און עסן ביי זיך אין הויז, און נאכדעם וועלן מיר זיך צוזאמען נעמען אין א הויף און עסן א כזית צוזאמען, זינגען די זמירות פון 'רעווא דרעווין' מיט א דיבוק חברים, און בענטשן מיט מנין אויפן כוס.

דאס איז געווען אין די ערשטע שבת נאכן זיך מחזק זיין אין די ענין פון ברכת המזון. די אבעריגע חברים פון די מנין האבן געענדיגט צו בענטשן, אבער איך וואס איך האב געבענטש געלאסן און מיט כוונה האב איך נאך געהאלטן אינמיטן 'רצה והחליצנו', און ווייל מיר זענען געווען א מנין מצומצם, האבן די איבעריגע חברים געמוזט ווארטן ביז איך וועל ענדיגן, און נאר נאכדעם אנהייבן דאווענען מעריב.

ביים ענדיגן מעריב איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די מתפללים און האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון דער וועג וויאזוי איך האב געבענטש ברכת המזון, ער האט נישט געקענט באהאלטן זיין וואונדער אויף דעם וואס ביז יעצט האט ער מיר נישט געקענט אלץ איינער וואס בענטש אזוי געלאסן און מיט כוונה. כדי אים בארואיגן האב איך אים דערציילט די השתלשלות הדברים, וויאזוי די גזירה פון קאראנע האט אפגעשניטן דער מקור פון מיין פרנסה אלץ שפילער אויף א פידל ביי חתונות און פארשידענע געשעענישן, אלץ רעזולטאט פון דעם בין איך אריינגעפאלן אין א שווערע פינאנציעלע לאגע און אלץ סגולה אויף א ישועה האב איך באשלאסן מקפיד זיין בהידור רב אויף בענטשן, ווייל צווישן אירע ווערטער זענען באהאלטן די גרעסטע מאס ברכות אויף פרנסה.

ווען איך האב געענדיגט מיינע ווערטער האב איך באמערקט די ברען וואס האט זיך אנגעצינדן אין די אויגן פון דער מענטש וואס האט גערעדט מיט מיר; "קענסט זיך וואונדערן" - האט ער מיר געזאגט, "אבער עס קען זיין אז איך האב א געלונגענע געדאנק פאר דיר. איך וועל אהיים גיין און מאכן הבדלה, און נאכדעם וועל איך איבערטראכטן די זאך און איך וועל צו דיר צוריק קומען מיט די איינצלהייטן".

איך בין אהיים ווען אין מיין קאפ לויפן ארום געדאנקען פון האפענונג און מיין הארץ דאוונט אויף סייעתא דשמיא. א שעה נאכדעם איז אנגעקומען די געוואונטשענע טעלעפאון. פון די אנדערע זייט פון די ליין האט זיך געהערט די שטימע פון מיין שכן וואס דערציילט מיר מיט שמחה: "דיין סגולה האט גענוצט... הער מיך אויס, איך ארבעט אין א גרויסע און באקאנטע 'מושב זקנים'. לעצטנ'ס האב איך געהערט פונעם אייגנטומער, א ערליכער פרומער איד, ווי ער ברענגט ארויס זיין ווייטאג אויף די עלטערע מענטשן וואס געפינען זיך אין א שרעקליכע איינזאמקייט, צוליב די עפידעמיע קענען זיי קיינער נישט באזוכן. ווען איך האב געהערט פון דיר דיין באשעפטיגונג, האב איך באשלאסן פארן אייגנטומער פון די אלטע-היים ער זאל דיך בעטן קומען זינגען און שפילן אויפן פידל, כדי די לוסטיגקייט זאל צוריק קומען צו די עלטערע מענטשן.

באלד נאך שבת האב איך זיך פארבינדן מיטן אייגנטומער, מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז אים געפעלן די געדאנק. ער איז אינטערעסירט דיך צו נעמען פאר א גוטן געהאלט אין די דריי מושב זקנים'ס וואס זענען אונטער זיין אייגנטומערשאפט, דו זאלסט אריבער גיין צווישן די צימער'ן לויט א קלארע ליסטע וואס ער וועט דיר איבערגעבן און דו וועסט דערפרייען די הערצער פון די עלטערע איינוואוינער מיט שיינע לידער.

ברוך ה', שוין עטליכע וואכן וואס איך ארבעט דארט מיט גרויס הצלחה, יעדן טאג פון דאסניי בין איך עקסטער צופרידן ווען איך זעה ווי די שיין קומט צוריק צו די אויגן פון די עלטערע מענטשן, עטליכע פון זיי האבן זיך פאר מיר אויסגעדרוקט אז 'איך האב זיי צוריק געברענגט צום לעבן', פשוטו כמשמעו.

ממש יעצט האט מיר דער אייגנטומער געמאלדן אז אויך ווען אלעס וועט צוריק גיין צום אלטן מיטן אייבערשטנ'ס הילף, איז ער נישט גרייט מוותר זיין אויף מיר און האט אין פלאן איך זאל פארזעצן די ארבעט. אויף דעם אלעס "אודה ה' מאוד בפי, ובתוך רבים אהללנו". און פון דא רוף איך צו יעדן איד זאל מקיים זיין די וואונדערליכע סגולה וואס איז שוין אויספרובירט געווארן הונדערט און טויזנטער מאל לענגאויס אלע דורות, אזוי ווי דער 'אור זרוע' זאגט אז ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס אז דער וואס געבט אכטונג אויף ברכת המזון וועט שטענדיג האבן ברייט פרנסה, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן זיי אויך זוכה זיין צו סייעתא דשמיא און א ברייטע פרנסה.

י. מ. ברוקלין
'על המזון' סיון תש"פ

ע'יצובים shay